## תוכן השיחה בעת ביקורו של כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א
## באכסניית כ"ק מרן רבינו שליט"א בפאלם ספרינגס

* * *

## ובמסיבת לחיים אחר התפילה בבית המדרש חב"ד
## ביומא דהילולא של הגה"ק בעל ויגד יעקב מפאפא זצ"ל

**יום א' פרשת תצוה - ב' אדר א' תשע"א לפ"ק**

**האדמו"ר מפאפא:** עס איז דא א ווארט פונעם פריערדיגן **בעלזער רב זי"ע**, אויפן פסוק (תהלים כט-ח) קול ה' יחיל מדבר, יחיל ה' מדבר קדש. קול ה', אויף א קול פון קדושה, יחיל מדבר, ווארט א פלאץ וואס איז וויסט פון א דבר של קדושה. יחיל ה', דער אייבערשטער ווארט, מדבר קדש, אז א פלאץ וואס איז וויסט פון קדושה זאל נתקדש ווערן.

**רבינו:** מה' מצעדי גבר כוננו, וואו מען קומט דארף מען עפעס אויפטוהן. עס איז דא א ספר **י"ג אורות** פון **רבי יענקעל'ע [מפשעווארסק]**, און ער ברענגט דארט צו, אז עס שטייט אין **חובות הלבבות** אין די הקדמה צום שער הבטחון, אז עס איז אמאל געווען א חסיד וואס איז אוועקגעפארן אין א ווייטע מדינה וועגן פרנסה, און א גוי האט אים דארט געטראפן, און ער האט אים געפרעגט, גלייבסט אין באשעפער. זאגט ער, אוודאי. פרעגט דער גוי, דער באשעפער גיט פרנסה. זאגט ער, יא. פרעגט ער ווייטער, ער קען דיר נישט געבן קיין פרנסה ביי דיר אין שטאט, ער מוז דיך שיקן ביז אהער. און נכנסו הדברים ללבו, און ער האט זיך אויפגעהויבן, און ער איז צוריק אהיימגעפארן, און ער איז מער נישט געפארן פאר קיין מסחר[א]. פון חובות הלבבות איז משמע אז ער האלט, אז מען דארף טאקע נישט אוועקפארן פאר מסחר, נאר מען דארף האבן בטחון אז דער באשעפער שיקט צו פרנסה וואו מען איז.

האט **רבי איציקל** געזאגט, אז דער **שינאווער רב** האט געזאגט, אז דער **חובות הלבבות** האט עס געשריבן ווייל ער האט נישט געוויסט פון די **כתבי האר"י**, ווייל לויטן **אר"י הק'** (**פרי עץ חיים** דף י"ב ודף מ"ה) איז דאס וואס א מענטש פארט פאר פרנסה, כדי מתקן צו זיין זיינע ניצוצות וואס ער האט אין יענע מקום. ער מיינט אז ער פארט פאר זיין פרנסה, אבער ער פארט פאר עפעס אנדערש.

מען דארף פארן, און מען דארף גיין, אנקומען צו פארשידענע פלעצער אויף דער וועלט, נישט ווייל דער אייבערשטער קען נישט געבן די פרנסה דא, נאר דער אייבערשטער וויל, אז דו זאלסט אנקומען אהין, ווייל ער האט פאר דיר אן אנדערן חשבון דארט.

**האדמו"ר מפאפא:** עס איז געווען א מעשה ביי מיין זיידען זכרונו לברכה דער **ויגד יעקב**, עס איז טאקע היינט דער יארצייט [ב' אדר], ער איז געווען אמאל אויף א קור-ארט, און עס האט זיך געמאכט אז עס איז נישט געווען קיין פיש אויף שבת. האט ער געזאגט פאר די רעבעצין, גרייט אן די טאפ מיט די אנדערע זאכן וואס מען דארף האבן צו קאכן די פיש, און אפשר וועט זיך מאכן עפעס. און כך הוה, ער איז זיך געגאנגען טובל'ן אין טייך, און עס איז אים אריינגעקומען א פיש אין די האנט, האט ער עס שנעל געשיקט אז מען זאל עס צוגרייטען אויף שבת, און מען האט געהאט פיש.

**רבינו:** זעהט אויס, אז די פיש קען מען אויך האבן וואו מען דארף...

מיין טאטע [**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**] פלעגט נאכזאגן פונעם פריערדיגען **בעלזער רב רבי ישכר דוב זי"ע**, אז ער פלעגט צו זאגן, געהאדעוועטע

---

[א] וזה לשונו: מעשה בפרוש אחד שהלך פעם אל ארץ רחוקה כדי לחפש פרנסה. ופגע בו עובד אלילים, ואמר לו הפרוש שהוא עובד את הבורא, הכל יכול, המכלכל היחידי, המפרנס שאין כמוהו. ואמר לו העכו"ם מעשיך סותרים את דבריך, כי אילו מה שאמרת היה אמת, הרי הוא יכול לפרנס אותך בעירך, כשם הוא מפרנס אותך כאן. ולא היה להפרוש מענה לדבריו, ושב לארצו, ושוב לא יצא מארצו לחפש פרנסה עכ"ד.

פיש איז נישט קיין פיש לכבוד שבת. עס איז דא פיש וואס מען טרעפט אינעם ים, און עס איז דא וואס מען טוט האדעווען. זעהט אויס א פיש דארף קומען פון ערגעץ, און אנקומען אויף שבת פון די פרעמד, נישט אז מען האדעוועט עס.

אין **תולדות קול אריה** (הוספות עמ' טו) שטייט, אז **רבי אייזיק'ל קאמארנער זי"ע** האט כידוע גערעדט זייער ברייט, און ער האט אלעס געזאגט. אמאל איז דער קאמארנער געווען אין בערעגסאז אויף שבת, דער **קול אריה** איז דארט געווען רב, האט דער קאמארנער געזאגט ביים טיש, אז די פאריגע וואך האב איך זיך אנגעלאנט ערב שבת נאכמיטאג, און עס איז געקומען צו מיר א נשמה, און ער האט מיר געזאגט, אז ער איז מגולגל געווארן אין די פיש וואס מען האט געקויפט ביי מיר אויף שבת, און ער בעהט מיך, אז איך זאל אים מתקן זיין. האב איך אים צוגעזאגט. ווען מען האט געברענגט די פיש צום טיש פרייטאג צו נאכטס, האט עס געהאט זייער א שלעכטן ריח, און מען האט עס נישט געקענט עסן. און איך האב נישט געוואוסט וואס צו טוהן, עס שטייט דאך ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, האב איך גענומען א שטיקל חלה און איך האב עס איינגעטונקען אין די יאך, און איך האב טועם געווען עפעס דערפון, און איך האב געהייסן מען זאל עס אראפנעמען פונעם טיש, מען זאל עס נישט עסן. שבת נאכמיטאג האב איך זיך אנגעלאנט איז געקומען די נשמה, און האט מיר מכיר טובה געווען אז איך האב אים מעלה געווען, אפילו נאר פון עסן די יאך פון די פיש...

איך מיין אז עס שטייט פון **בעל שם טוב הק'**, אז וועגן דעם האט ער זיך אויסגעקליבן צו וואוינען אין מעזבוז, ווייל דארט איז דא א וואסער, און מען קען האבן פיש אויף יעדן שבת[ב].

**האדמו"ר מפאפא:** פיש איז געווען ביי צדיקים א גאנצע ענין. ביי צדיקים פלעגט מען אריינצוברענגען דאנערשטאג די פיש וואס מען האט געקויפט אויף שבת. מען זאגט נאך, אז עס איז געווען א מעשה ביים **שינאווער רב** אז מען האט אריינגעברענגט די פיש, און עס איז נאך געווען לעבעדיג, און עס האט אים געגעבן א ביס די פינגער, רופט זיך אן דער **שינאווער רב** זעהסטו!, דער דרך פון א יעדע בעל חי איז, אז ווען ער ווייסט אז ער איז שוין געכאפט, און ער קען זיך שוין נישט א עצה געבן, שטרענגט ער זיך אן, און ער טוט אלס וואס ער קען, ער שטויסט און ער ווארפט זיך, ער פרובירט וואס ער קען. אזוי וועט זיין לעתיד מיטן בעל דבר, אפילו ער ווייסט שוין אז עס איז שוין זיין סוף, ער קען שוין גארנישט טוהן, ער קען זיך נישט מציל זיין, אבער ער פרובירט נאך אלעס.

**רבינו:** אזוי זאגט מען דאן, ואתא הקדוש ברוך הוא 'ושחט' למלאך המות, דער יצר הרע מיטן מלאך המות זענען די זעלבע (ב"ב טז.).

**הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א חדב"נ:** דער שווער זאגט אלעמאל, אז ביים **סאטמארער רב זי"ע** איז געווען א גרויסער עסק דאס פיש עסן.

**רבינו:** דער **סאטמארער רב** האט זייער מקפיד געווען אז עס זאל זיין שטיל בשעת'ן עסן די פיש. ער פלעגט צו קלאפן ביי די פיש, אויב עס איז געווען עפעס א גערודער, אז מען זאל אים נישט שטערן.

**הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א:** ער פלעגט צו טיילן שיריים פון די פיש?

**רבינו:** אוודאי. ער האט מדקדק געווען צו געבן פאר די בעלי בתים, אבער פאר בחורים האט ער נישט געוואלט געבן. צו עס איז געווען מפני הכבוד, עס איז דאך געווען די ערשטע שיריים וואס ער האט געטיילט ביים טיש, צו ער האט געהאט אן אנדערע טעם דערין[ג]. אז א בחור האט

[ב] בספר **זכרון טוב** (הובא בספר **בעל שם טוב** פ' יתרו אות לג) כתב: 'בשם **הבעל שם טוב זלה"ה** שמן השמים נתנו לו ברירה לדור בנעמרוב, או במעזבוז, או בעיר שלישית, ובחר במעזבוז, ששם שכיחים דגים, וקל לו להשיגם על שבת קודש' ע"כ.

[ג] ראה בספר **שמן ראש** לפורים (ח"ב דף תלד) בשיחת **רבינו שליט"א** בשוה"ט ביום הפורים בבית מדרשינו שנת תשע"ה לפ"ק, ואלו תוכן דבריו: הצדיקים כאשר היו מחלקים שיריים מן הדגים, היה להם בזה כוונה פנימית, כי בדגים נאמרה ברכה בפריה ורביה (כתובות ה.). ובתרגום אונקלוס פרו ורבו, 'פושו' וסגו. ובנתינת דגים (פיש) התכוונו להמשיך זרע קודש לאלו שנתנו להם. וידגו לרוב בקרב הארץ (בראשית מח-טז). הרבה שנים הייתי מסתופף בצלו של **מרן האדמו"ר מסאטמאר זי"ע** בשלחנו ליל שב"ק. כמדומה לי שמצויים כאן מעט אנשים שעוד זכו לחזות בעבודתו בליל שב"ק אין די געזונטע יארן נאך, וכמעט שלא נתן מעולם שיריים מהדגים להבחורים, רק לבעלי בתים

אויסגעשטרעקט די האנט האט ער אים נישט געגעבן.

*

**רבינו:** ווען האלט מען די יארצייט [של **בעל ויגד יעקב** - ב' אדר],ביידע אדר'ס?

**האדמו"ר מפאפא:** איך מיין אז דער טאטע ז"ל פלעגט צו האלטן בעיקר די צווייטע.

**רבינו:** דאס הייסט אז די סעודה מיטן עולם איז געווען דער צווייטער אדר?

**האדמו"ר מפאפא:** מען מאכט ביידע, איך ווייס נישט צו אלע יאהרן, אבער מען פלעגט צו מאכן ביידע.

**רבינו:** און געדאווענט פארן עמוד?

**האדמו"ר מפאפא:** אויך ביידע.

**רבינו:** ווי אלט איז דער **ויגד יעקב** געווען?

**האדמו"ר מפאפא:** אכט און פופציג יאהר. דער **ערוגת הבשם** איז אלט געווען זיבן און פופציג ביי זיין פטירה, און ער איז אלט געווען אכט און פופציג. ער איז אוועק תש"א, עס איז געווען אין א שבת.

**רבינו:** מיין זיידע דער **סערדאהעלער רב זצ"ל** איז אוועק ביי די קריג תש"ד, און ער איז אלט געווען צוויי און זעכציג יאהר. דאס הייסט אז ער איז געווען מיט איין יאהר א חילוק. זיי האבן צוזאמען געלערנט בחברותא ביים **ערוגת הבשם**.

איך האב געהערט פון מיין טאטע זכרונו לברכה, אז ווען זיי האבן געלערנט אלס בחור בחברותא, האבן זיי אמאל געשמועסט וואס וועט זיין ברבות הימים, האט דער זיידע, דער **סערדאהעלער רב**, געזאגט פארן **ויגד יעקב**, דו ביזט דאך דעם רבי'נ'ס א קינד, דו וועסט דאך מסתמא אויסוואקסען א רב אין א קהילה, איך בין דאך א בעל הבית'יש קינד, איך וועל מן הסתם אויסוואקסען א בעל הבית, קען נאך זיין אז איך וועל זיין א בעל הבית אין דיין קהילה, אזוי האבן זיי געשמועסט. - שפעטער ווען זיי האבן זיך משדך געווען, **רבי משה לייב [בעל ויגד משה**, בנו של **הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל]** איז דאך געווען אן איידעם [אצל **הויגד יעקב**], האט מען בשעת דעם שידוך זיך עפעס געדינגען וועגן נדן, זאגט ער אים, דו גייסט מיר ווערן א בעל הבית יעצט...

**האדמו"ר מפאפא:** דער זיידע דער ויגד יעקב האט געהאט איין איידעם פון קראקא אין פולין, ער האט געהייסן רבי אברהם יצחק וויינבערגער, ער האט געוואוינט דארט אין פולין. איז געווען א אינטערעסאנטע זאך, אז ער איז איינמאל געפארן אהין צום איידעם, און אויפן באן שטאציאן, ווען מען האט געדארפט איבערשטייגען די באן דארט אין גאליציע, בשעת מען האט געווארט אויפן באן, האט ער מיט זיין באגלייטער זיין משמש דארט ארומשפאצירט, און אינמיטן קומט אן א פרעמדער איד, און ער זעהט אז אן אונגארישער איד קומט, ער האט דערקענט אז דער איז נישט א היזיגער, האט ער אים געגעבן שלום. פרעגט ער אים, פון וואו זענט איר. זאגט ער, אז ער קומט פון אונגארן. פרעגט ער, וואס זענט איר אין אונגארן. זאגט דער **ויגד יעקב** איך בין א מלמד, ער איז דאך געווען א מלמד תורה[ד]. דער שמועס האט זיך געענדיגט און דער איד גייט ווייטער, יענער איד איז געווען דארט מיט נאך א איד, זאגט ער אים, א פלא, א אינטערעסאנטע זאך, די אונגארישע מלמדים זעהן אויס ווי בנן של קדושים'ס...

**רבינו:** דער **ערוגת הבשם** האט אויך געטון איין שידוך קיין פולין.

---

ואברכים, זייער זעלטן וואס ער האט געגעבן א שטיקל פיש פאר א בחור, ואני חושב, כי כוון להמשיך בזה, אז זיי זאלן אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות. ותיתי לי שכמה פעמים קבלתי שיריים מהדגים, וזה חשוב אצלי מאד, והיינו דאהני לי, ואני מודה ומשבח לה' על השבתות היקרות האלו שזכיתי לראות, כי מה שרואים בימי הנעורים נשאר בזכרון לעולם, וואס מען איז מקבל אין די יוגענט, לאזט א געוואלדיגן רושם אויף שפעטער. - דער רבונו של עולם האט נישט געקענט טון א גרעסערע חסד ווי דאס וואס איך האב זוכה געווען זיך מסתופף זיין ביי ערליכע אידן. - וסיים **רבינו שליט"א:** ואני מתפלל כעת בחלוקת הדגים, פושו וסגו, שהקב"ה יתן לכולכם בנים ברואים בגשמיות וברוחניות. אלו שצריכין לבנים יזכו להפקד בזרעא חייא וקיימא. ואלו שזכו כבר לבנים, יזכו לגדלם על דרכי אבותינו ורבותינו, דורות ישרים ומבורכים, הממשיכים את שלשלת הקדושה של הכלל ישראל.

[ד] ראה דברי **מרן החתם סופר זי"ע** בשנת תקצ"ב (**שו"ת חתם סופר** החדשות סימן ל"ג) וזה לשונו: אני זקנתי ושבתי, ובעו"ה לא זכיתי למאור תורה, ואין לי פנאי לחבר חיבורים..., אך זה לי משנת תקמ"ו ואילך 'מלמד תינוקות אני עם בחורים', עד שיגיעו ויבינו שאין בי ממש, אז יבואו וישמשו אחרים תחתיהם, וזה חלקי אשר ישאר אחרי..., ויתר הדברים אני עושה בנחיצה כהולך על גבי גחלים ע"ש.

**האדמו"ר מפאפא:** יא, דער **אונגווארער רב**] דער עלטסטער זון איז געווען א איידעם אין גאליציע [אצל הרב הנגיד מו"ה יצחק באקענראטה ז"ל]. דער שטעטל האט געהייסן סחידניצע.

**רבינו:** דער **ערוגת הבשם** איז נישט געווען אזוי צופרידן, און ווען מען האט אים אנגעטראגן ביי נאך א קינד א שידוך פון פולין, האט דער **ערוגת הבשם** געזאגט פארן שדכן, מער ווען ביי מיר נישט 'פועל'ן'...

**האדמו"ר מפאפא:** דעם **אונגווארער רב'ס** שווער האט געהייסן באקענראטה.

**רבינו:** עס איז געווען א נגידישער משפחה.

**האדמו"ר מפאפא:** יא, זיי האבן געהאט א זיידע, איך ווייס נישט וויפיל דורות פונקטליך, וואס **רבי אייזיק'ל קאמארנער** האט גע'עצה'ט און געוואונטשען, און זיי האבן געטראפן א אויל קוואל.

**רבינו:** איך האב געהערט פארציילען אויפן **ויגד יעקב**, איך זאג עס אסאך מאל נאך, ווייל עס איז א זאך וואס מען קען זיך אסאך לערנען דערפון. דער **ויגד יעקב** האט געטוהן א שידוך, איך ווייס נישט ביי וועלכע קינד, און צופרי נאכדעם ווען עס איז געווארן מפורסם אין די שטאט דער שידוך, האט אים דער הויז בחור געזאגט, אז דער עולם איז נישט אזוי צופרידן פון דעם שידוך וואס ער האט געטוהן. האט דער **ויגד יעקב** געזאגט זייער א קלוג ווארט, ער האט אזוי געזאגט, 'ביז איך האב געטוהן דעם שידוך בין איך אסאך נעכט נישט געשלאפן, און איך האב שוקל געווען, אזוי ווי ביי יעדע שידוך וואס מען איז שוקל, צו יא צו טוהן צו נישט. וואכן לאנג שלאג איך זיך ארום מיט די דעה צו איך זאל יא טון דעם שידוך צו נישט, און נאכדעם וואס איך האב אלעס שוקל געווען, האב איך מחליט געווען אז איך גיי עס טוהן. און יענער האט געהערט פון דעם שידוך, און אין איין מינוט איז ער שוין א מבין, און ער ווייסט פונקטליך צו זאגן, צו איך האב גוט געטוהן צו נישט'.

עס איז א מוסר השכל, יעדער מענטש, ווען ער הערט עפעס א זאך, פסקנ'ט ער גלייך אפ, צו יא צו נישט, און יענער האט עס אסאך מאל אדורכגעטראכט במחשבה וואכן און חדשים ביז ער האט מחליט געווען עס צו טוהן.

**האדמו"ר מפאפא:** מען פארציילט נאך, אז דער **ראדזינער** האט דאך געמאכט דעם ספר '**סדרי טהרות**', עס איז זייער שיינע חיבורים אויף מסכת כלים און אהלות, און מען האט זיך אפגערעדט אויף דעם, ווייל ער האט עס אויסגעשטעלט ווי א גמרא, און מען וועט מיינען אז עס איז גמרא. שפעטער ביי אהלות האט ער אויפגעשריבן אויף יעדער דף אז עס איז ספר סדרי טהרות, און עס איז א ליקוט פון תנאים ואמוראים. האט ער אריינגערופען צוויי יונגעלייט פון זיינע חסידים, און ער פרעגט זיי וואס זאגט מען אין די ווארשאווער שטיבלעך אויף מיין חיבור?, זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טוהן, וואס זי זאלן ענטפערן. רופט זיך אן איינער, מען זאגט אז דער רבי האט געטראפן א גמרא אין א ביבליאטעק א מוזיאום, און דער רבי זאגט אז עס איז זיין אייגענער חיבור. זאגט ער, אזוי?!, איך האב נישט געוואוסט אז עס איז אזוי גוט... אז עס איז אזוי גוט געלונגען דער ספר.

**רבינו:** ער האט זייער שיין צוזאמגענומען פון איבעראל. ביי דעם וואס האט ארויסגעגעבן די ירושלמי אויף קדשים איז געווען פארקערט [שזייף לכתוב דברי עצמו כאילו נכתב על ידי התנאים והאמוראים].

**האדמו"ר מפאפא:** ביי די ירושלמי איז א אנדערע מעשה געווען.

**רבינו:** דער **ערוגת הבשם** איז אויך געווען אקעגן דעם ירושלמי.

**האדמו"ר מפאפא:** ער האט דאך נישט געוואלט שרייבן קיין הסכמה דערויף. יענער איז געקומען, און ער האט עס גוט אדורכגעקוקט, און עס אדורכגעבלעטערט, און ער האט עס אים צוריקגעגעבן, און ער האט געזאגט, עס איז נישט... יענער האט זיך געוואלט טענה'ן. איך ווייס נישט צו ער האט געזאגט א טעם פון וואו ער ווייסט אז עס איז נישט, אבער עס איז אפגעשריבן פון די תלמידים וואס זענען דארט געווען[ה].

**רבינו:** ער האט געהאט א גוטע נאז, ער האט געקענט שמעקן, והריחו ביראת ה' (ישעיה יא-ג).

**האדמו"ר מפאפא:** עס איז דאך געווען א מעשה, ווען עס איז געווען די בוררות דין תורה [אודות הרבנות בגארליץ], און דער **ראדאמישלא רב** איז

---

[ה] ראה בהרחבה בספר **תולדות ערוגת הבשם** שיצא לאור מחדש (חלק ב' עמ' תרכ"ז) בפרטי הדברים בזה.

אויך געווען א דיין ביי די דין תורה, און דער **ערוגת הבשם** איז געווען דער שליש, און אזוי ווי ביי א גרויסע דין תורה איז מען מפסיק, מען קען דאך נישט ביי איין זיצונג אלעס ערלעדיגן, און מען האט זיך צוטיילט, און מען וועט זיך שפעטער נאכאמאל צוזאמזעצן. און דער **ראדאמישלא רב** האט געזאגט איין זאך פונעם **ערוגת הבשם**, אז ער האט א שמעק פון אמת.

איינער האט מיר דערציילט, אז עס איז איינמאל געווען ביי מיין טאטן זכרונו לברכה, ער האט דאך נישט געפירט קיין דין תורה'ס, אבער עס האט זיך געמאכט איינמאל אין די קהילה עפעס א דין ודברים, און מען האט אים געבעטן צו פסקנ'ן. אינמיטן האט ער זיך מיישב געווען, ניין איך האלט נישט דערביי, איך ענדיג די גאנצע מעשה, און איך וויל נישט ווייטער פירן די גאנצע זאך, און גייטס ענק ערגעץ אנדערש. האט אים איינער געפרעגט, וואס איז געשעהן. זאגט ער, איך קען נישט אזוי ענטפערן, איך שפיר אז מען זאגט מיר נישט דעם אמת. איך האב אזא הרגשה אז מען זאגט מיר נישט דעם אמת, ממילא קען איך נישט אזוי ווייטער גיין.

**רבינו:** אין **הכנה דרבה** (אות כג) שרייבט דער **ערוגת הבשם** גאנץ שארף אקעגן דעם, אז מען זאל זיך נישט ארייגלאזן אין קיין דין תורה'ס, ער האט זיך אליין אפגעבריהט שרייבט ער דארטן[ו].

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על הפירות ואמר: להניח ברכה אל תוך ביתך.**

**האדמו"ר מפאפא:** ביי דעם גייט נישט אן בעל הבית בוצע (ברכות מו.)?

**רבינו:** אין בין דאך אויך אין די פרעמד.

**האדמו"ר מפאפא:** בציעה איז א מער לשון אויף לחם, א זאך וואס מען צוטיילט אויף צוויי.

*

**האדמו"ר מפאפא:** עס איז אינטערעסאנט, יעדער פלאץ האט זיך זיין צייט, אמאל איז געווען שעראן ספרינגס, סאראטאגא, היינט איז שוין כמעט נישטא דארט, אין סאראטאגא איז נאך דא עפעס, א ישיבה איז דא דארט.

**רבינו:** די גאסן דא זענען הייליג.

**האדמו"ר מפאפא:** יא, די גמרא (עירובין ק:) זאגט דאך, אז מען קען זיך אראפלערנען פון א חתול די מדה פון צניעות. מען קען זיך דא אויך אפלערנען.

**רבינו:** כמעט וואס מען זעהט נישט קיין מענטש אויף די גאס. אלע דירות האבן סווימינג פאלס, און מען זעהט נישט קיין איינס, אלע זענען פארמאכט מיט ציגעל ווענט.

---

[ו] וזה לשונו שם: ..על כן בניי וחתניי ותלמידיי היקרים, השמרו לכם פן תנקשו אחרי בעלי מחלוקת... וכל שכן שלא לקבל שום התמנות של דין תורה שרגיל להמשך מזה, הן בתורת בורר או שליש או חמש יהיה איך שיהיה צריך לברוח ממנו כמו מאש להבה, והחושך עצמו מדינים כאילו פורק ממנו איבה וגזל ושנאת חנם, ואל יתפתה ממחניפים האומרים, עליך הדבר מוטל, מחמת כמה מעלות טובות שאת עלית על כולנה, כי סוף דבר בחנפי לעגי מעוג יחרקו עליך שינימו, אם לא יצא המשפט כרצון איש ואיש... כיוצא בזה אני מזהיר אתכם אל תעשו עצמכם כעורכי הדיינים האי עורכי מלשון ערכאות כדפירש הרע"ב, וכוונתי שלא לקבל עליכם בחירה בתור דיין שצריך לפסוק הדין כמו בחי' ערכאות, וכוונתי בענין מחלוקת של תיגרת רבים באופן שהצורך לדון ביניהם על פי משפט של שיעדסגריכט, מנעו עצמיכם מלהיות דיין בזה, הן בתור בורר נימוסי או רבני, גם לא בתור חמש, אפשר למצוה זו להתקיים על ידי אחרים... ואין להאריך בזה כי ברוב דברים לא יחדל פשע, ואתם חדלו לכם מזה, ותזכו להיות מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום... לכן אתם בניי, שימו לבבכם לקיים מה שאני מזהירכם, ובזה תזכני על דרך ברא מזכה אבא להעלות נפשי העלובה להוי מתלמידיו של אהרן... ואל יפלא בעיניכם שבאתי להזהיר אתכם בדברים שבעצמי לא הייתי נזהר במקצתם כראוי, ומחזי כנאה דורש ואין נאה מקיים, דבאמת אמרו חז"ל (גיטין מג.) בפסוק (ישעיה ג-ו) והמכשלה הזאת תחת ידיך, אלו דברי תורה שאין אדם עומד עליהם אלא אם כן נכשל בהם ע"ש.

ובספר **תולדות ערוגת הבושם** (החדש, ח"א דף תר) מובא: לפני פטירתו קרא רבינו לחדרו את שני בניו, **כ"ק הגה"צ רבי יעקב יחזקי' זצ"ל מפאפא, וכ"ק הגה"צ רבי לוי יצחק זצ"ל מצעהלים**, ואמר להם כדברים האלו: כפי הנראה, הנני עוזב את העולם הזה קודם זמני, דעו לכם שזה בא לי בשביל שהכנסתי את נפשי במחלוקת בין גאונים וצדיקים לדון ביניהם [הלא הם הדיני תורה הידועים אודות הרבנות בגארליץ, ובנשיאות כולל מארמאראש], אף שכוונתי היתה לשם שמים, על כן אני מזהירכם באזהרה חמורה, שתתרחקו כמטחוי קשת מלהכניס עצמכם במקום שיש מחלוקת בין אנשים גדולים, כי נשיכתן נשיכת נחש ועקיצתן עקיצת עקרב ע"ש.

**האדמו"ר מפאפא:** מיין טאטע זכרונו לברכה איז געווען אין האט ספרינגס, ער איז געווען וועגן עניני רפואה. עס איז געווען זומער שנת תשל"ו, ער איז דא געווען פאר צוויי וואכן, עס איז געווען פאר ער האט געהאט די גרויסע אפעראציע.

**הר"ר בנימין האפמאנן הי"ו משב"ק האדמו"ר מפאפא:** רבי שמואל קרויס האט דעמאלס געברענגט מנין פון לאס אנדזשעלעס.

**רבינו:** נו, האט ער דאך שוין כובש געווען דעם וועג [לבא כאן למנוחה] ..

**האדמו"ר מפאפא:** אבער סוף כל סוף תיתי ליה פאר דעם רב דא [**הרב יונתן דאנענבוים שליט"א** רב דבית המדרש חב"ד בפאלם ספרינגס], וואס ער האט אהערגעשטעלט מנין פארן עולם דא.

**רבינו:** עס קומט אים הכרת הטוב, ווען עס זאל נישט זיין דא דער בית המדרש, קען מען נישט קומען אהער. עס איז דא א בית המדרש, א מקוה, כשר'ס אביסל אז מען דארף.

**ונפרדו לשלום**

* * *

**מתוך מסיבת לחיים אחר התפילה בבית המדרש חב"ד בפאלם ספרינגס, ביומא דהילולא של הגה"צ בעל ויגד יעקב מפאפא זצ"ל ב' אדר א' תשע"א לפ"ק**

**האדמו"ר מפאפא:** סוף פון זיינע יאהרן, איז דאך שוין געווען שווערע צייטען, ער איז געווען א בעל יסורים, ער האט אויך געליטען אויף די הויט. ווען עס איז געקומען די הייליגע טעג, האבן אים די שטוב מענטשען געזאגט, דער רבי זאל אויף זיך אויך מתפלל זיין. האט ער געזאגט, מיר דארפן מתפלל זיין פאר אידישע קינדער'ס וועגן.

**רבינו:** אז מען איז מתפלל פאר אידנ'ס וועגן, איז מען אויך נכלל אינעווייניג, ער איז דאך אויך א איד.

**האדמו"ר מפאפא:** דער **בעלזער רב זי"ע** פלעגט זאגן, אז עס שטייט (ירמיה יד-ח) מקוה ישראל, דער **בעלזער רב** איז דאך נישט געגאנגען כמעט אין מקוה, נאר געציילטע מאל א יאר. האט ער געזאגט אז מען טונקט זיך איין צווישן אידן, און בייגט זיך אראפ דעם קאפ, איז עס אויך אזוי ווי א מקוה, דאס איז מקוה ישראל.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז ביים **ערוגת הבשם** סוף ימיו, איז אמאל געווען אסאך תלמידים אין שטוב, און עס איז געווען זייער ענג די לופט, האט זיין זון רבי אברהם יוסף (אב"ד אונגוואר), אדער דער **יארער רב**, געבעטן אז מען זאל ארויסגיין פונעם שטוב, ווייל עס איז צו ווארעם. האט דער **ערוגת הבשם** נאכגעזאגט פונעם **ראזלער רב**, אז די גמרא (ב"ב קנח:) זאגט, אוירא דארץ ישראל מחכים, די אויר פון ארץ ישראל איז מחכים. האט ער געזאגט, אז עס איז א קל וחומר אז אוירא דישראל איז אודאי מחכים. מה דאך אוירא פון ארץ ישראל איז מחכים, איז דאך אויר פון אידן זיכער אזוי, אזוי האט דער **ערוגת הבשם** נאכגעזאגט פונעם **ראזלער רב**, קומט אויס אז מען קען לאזן דעם עולם, עס איז אוירא דישראל און עס איז מחכים. - האט אים דער זוהן געזאגט, עס איז מחכים, אבער געזונט ברענגט עס נישט. זאגט דער **ערוגת הבשם** ביזט א בטלן, עס שטייט (קהלת ז-יב) החכמה תחיה בעליה, אז עס איז דא חכמה ברענגט עס געזונט אויך.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.**

# תוכן השיחה בביקור הגה"צ רבי דוב ווייס שליט"א אב"ד קרית צאנז ירושלים אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א

### יום ד' פרשת וירא - י"ז חשון תש"ע לפ"ק

**גאב"ד קרית צאנז ירושלים:** ווען איך האב געלערנט דא אין וויליאמסבורג, פלעג איך אריינקומען ז' אדר צום דרשה פונעם **האדהאזער רב** [**מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל**]. א גרויסער עולם פלעגט קומען ז' אדר, ער האט זייער גוט גערעדט, ער האט מעורר געווען זייער שטארק.

איך געדענק דעם טאטן [**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**] פון יענע יארן, ער האט געהאט דעם בית המדרש אויף פענן סט.. ווילאנג איז שוין דער טאטע נישט דא?

**רבינו:** פינף און צוואנציג יאהר, ער איז נפטר געווארן תשמ"ה.

דער רבי [**הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל**] איז דאך אוועק פון דא תש"כ, דעמאלס איז נאך די ישיבה געבליבן דא?

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** די בחורים זענען מיטגעפארן קיין ארץ ישראל, אדער געגאנגען לערנען אין אנדערע ישיבות, אבער עס איז געווען א חלק בחורים וואס זענען געבליבן דא, און פאר זיי האט הרב [אהרן יהודה] ווילנער זצ"ל פארגעלערנט. אלס יונגער בחור האב איך דא געלערנט ביי הרב ווילנער ביז פאר די זעכצן, שפעטער בין איך געגאנגען לערנען אין קרית צאנז, און איך האב דארטן חתונה געהאט. ווען איך האב דא געלערנט פלעגן מיר אריינקומען צו די ז' אדר דרשות.

**רבינו:** וועלכע יאהר האט מען חתונה געהאט?

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** תשכ"ט אין קרית צאנז. וואו האט דער רב געלערנט דעמאלטס?

**רבינו:** אין נייטרא. איך האב כמעט אלע יארן געלערנט אין נייטרא.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים: רבי מיכאל בער** איז שוין נישט געווען דעמאלטס. **הרב מאייער ז"ל** וואס האט געמאכט דעם **מהרש"א הארוך** איז געווען דעמאלס אין ישיבה?

**רבינו:** יא. ער איז געווען דארט, און הרב בנימין חיים שטיינער ז"ל, וואס האט געמאכט דעם **בירורי השיטות** אויף קידושין, איז אויך געווען דעמאלס.

**אחד מהנוכחים: רבי יהוסף חיים שיינפלד שליט"א** [אב"ד קרית הרצוג] איז אויך געווען א מגיד שיעור דעמאלטס?

**רבינו:** ער איז געווען אין די גאנץ ערשטע יארן.

**רבינו:** איך בין געווען דא ביי די געזעגענען דרשה, בעפאר דער רבי איז געפארן קיין ארץ ישראל.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** ער פלעגט נאך קומען יעדע פאר יאהר אהער.

**רבינו:** דאס איז שוין געווען שפעטער.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** ער פלעגט קומען יעדע צוויי דריי יאהר.

**רבינו:** דאס ערשטע מאל וואס איך בין געווען אין קרית צאנז איז געווען תשכ"ו. מיין טאטע ז"ל איז געווען אין ארץ ישראל, און איך בין מיטגעגאנגען דעמאלס. איך בין נאך געווען א בחור ווען איך בין געווען דארטן אין קרית צאנז.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** די טאטע איז דאך געווען היימיש. איך געדענק ווען ער איז געווען אין יוניאן סיטי.

**רבינו:** די רבי האט דעמאלס [בעת הביקור בקרית צאנז] געזאגט בתוך הדברים, ער האט גערעדט פון קדושת ארץ ישראל כדרכו, האט ער געזאגט, מען ווייסט דאך נישט וואו די אבות זענען געווען, עס קען זיין אז דא ווי מיר זיצן זענען די אבות אמאל געזיצען. האט ער נאכדעם צוגעלייגט, נישט דאס איז די די מעלה פון ארץ ישראל, אז די אבות זענען געזעסן דא אין ארץ ישראל, נאר ארץ ישראל איז הייליג פאר זיך אליין, עס קומט נאר צו, אז די אבות זענען אויך געווען. האט ער געזאגט, עס איז אמאל געווען אן עם הארץ, וואס האט געזאגט, אז דער אייבערשטער מוז זיין זייער גרויס, ער האט דאך אזויפיל צדיקים אויבן ביי זיך, מוז ער זיין זייער גרויס. האט ער געזאגט אויף דעם, אז ער זאגט אז ארץ ישראל איז הייליג ווייל די אבות זענען דא געווען, ארץ ישראל איז הייליג ווייל עס איז הייליג..

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** עס איז דא א תשובה אין **חתם סופר** (יו"ד סי' רלד) אז די קדושה פון ארץ

ישראל איז געווען מימות עולם, נישט וועגן די מצוות התלויות בארץ, נאר פארדעם אויך.

**רבינו:** דער אייבערשטער האט דאך געהייסן גיין קיין ארץ כנען, האט דאך דער אייבערשטער קודם בוחר געווען אין ארץ ישראל.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** עס הייסט דאך אבן שתיה, משם הושתת העולם, פון דארט האט זיך אלעס אנגעהויבן. דער **חתם סופר** זאגט עס לגבי הכל מעלין לירושלים (כתובות קי:), אז עס איז נישט געבינדען מיט קדושת ארץ ישראל, נאר עס האט א מעלה פאר זיך.

ער זאגט דארטן אין די תשובה צו **רבי אפרים זלמן מרגליות ז"ל**, אז וואס איז די חילוק פון ירושלים און גאנץ ארץ ישראל. נאר גאנץ ארץ ישראל שטייט (דברים יא-יב) עיני ה' אלקיך בה, און אויף ירושלים שטייט (מלכים א ט-ג) עיני ולבי שם, ירושלים האט נאך א גרעסערע מעלה.

**רבינו:** לגבי צדקה האלט דאך דער **חתם סופר** (שם) אז ירושלים קומט פריער.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** לגבי וואוינען האלט ער אויך אזוי (שם).

**רבינו:** ער האט געזאגט (**דרשות חתם סופר** ח"ב שפט:) ווען עס איז געווען די רעש אין צפת, אז דאס איז וויבאלד מען האט זיך נישט באזעצט אין ירושלים.

*

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** מיין ברודער פון יוניאן סיטי האט דא חתונה געמאכט, בין איך געקומען צו די חתונה.

**רבינו:** די טאטע [הרב משה ווייס ז"ל] איז אויך געקומען פון ארץ ישראל?

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** יא. דער רב קען דעם טאטן?

**רבינו:** יא, נאך פון דאהי.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א:** ווען מיין זיידע דער **וויזניצער רבי** פלעגט זיין אין די שטאט ערד, פלעגט ער אסאך פארברענגען מיט אים צוזאמען אין לערנען.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** יא מיטן **וויזניצער רבי** איז ער געווען זייער היימיש, מיין טאטע איז זייער נאנט געווען. דער טאטע האט א שארפן קאפ, און ער פלעגט אסאך רעדן מיט אים אין לערנען.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א:** נאך יעדע שחרית פלעגן זיי זיך טענה'ן אין לערנען, עס פלעגט ווערן אזא גאנצע פלפול.

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על היין**

**אב"ד קרית צאנז ירושלים** (בעת שמזג רבינו את הכוס): איך ווייס נישט אויב מען מעג זיך משמש זיין מיט א כהן.

**רבינו:** אויף מיר איז אויך א מצוה משמש צו זיין תלמידי חכמים.

**רבינו ביקש שיברך ראשון על הכוס ואמר:** רצונו של אדם זה כבודו.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** לחיים טובים ולשלום דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זיין געזונט, און קענען מרביץ תורה זיין פאר תלמידים.

**רבינו:** אמן. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זיין געזונט און שטארק, און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מתוך נחת והרחבת הדעת, עס זאל אלעס גרינג אנקומען.

**רבינו שליט"א נתן לידו ספר שמן ראש (ח"ט בראשית), ונפרדו לשלום**